**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האוקול פייערט די פארענדיגונג פון $15 מיליאן צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין בופאלאס מערב זייט**

***צוגעפאסטע איבערבאניץ פון געוועזענע שפיטאל בנין פאר האוזינג פאר עלטערע געבט צו 44 צוגענגליכע און שטיץ דירות צו עלמוואד עווניו היסטארישע דיסטריק***

***דאס לייגט צו צו די גאווערנערס אנגייענדיגע אקציעס צו פארברייטערן האוזינג סופליי איבער ניו יארק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געפייערט די פארענדיגונג פון א $15.3 מיליאן פראיעקט צו פארבייטן א געוועזענער שפיטאל בנין צו 44 צוגענגליכע און געשטיצטע דירות פאר ניו יארקער 62 יאר און עלטער. פאלוועל אפארטמענטס איז טייל פון א גרעסערער איבער-אנטוויקלונג פון דער היסטארישער אכט-עיקער פרויען און קינדער שפיטאל וואס געפונט זיך אין בופאלאס עלמוואד ווילעדזש געגנט.

פאלוועל אפארטמענטס וועט צושטעלן זיכערע, סטאבילע היימען פאר עלטערע בשעת'ן ארייננאטעמען נייע לעבן אין בופאלאס עלמוואד ווילעדזש געגנט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע נעמט זיך צו דער האוזינג אויספעל דירעקט דורך אידנטיפיצירן געלעגנהייטן אזוי ווי דער וואס ארבעט איבער ליידיגע ערטער און שטעלט צו קוואלעטיוו הייזער וואס ניו יארקער דארפן און האבן פארדינט."

די פאלוועל אפארטמענטס וועלן אנטוויקלט ווערן דורך דעם צוגעפאסטע איבער-באניץ פון א געוועזענע שפיטאל, וואס האט געדינט אלץ א קימפעט פאלאטע פאר פרויען און קינדער שפיטאל וואס האט זיך פארמאכט אין 2017. די ארומנעמיגע איבער-אנטוויקלונג פונעם שפיטאל סייט און קאמפוס וועט צום סוף כולל זיין מארקעט-פרייזן דירות און צו-פארקויפן קאנדאמיניומס אויסער קאמערציאלע און אנדערע קאמיוניטי פלעצער. שטייענדיג נעבן בופאלאס דאונטאון, געפונט זיך דער קאמפוס נישט ווייט פון פולע איינריכטונגען, און עס איז צוגענגליך דורך פובליק טראנספארטאציע.

אלע דירות וואס געפונען זיך אין פאלוועל זענען צוגענגליך פאר עלטערע מיט הכנסות פון אדער ווייניגער ווי 60 פראצענט פון די דורכשניטליכע איינקונפטן אין דעם געגנט. זיבן דירות זענען רעזערווירט פאר עלטערע מענטשן וואס נויטיגן זיך אין אויסהאלט-סערוויסעס אויף צו קענען וואוינען פאר זיך. די איינוואוינער וועלן האבן צוטריט צו רענט סאַבסידיס און סערוויסעס אויסגעצאלט דורך די 'עמפייער סטעיט שטיצנדיגע האוזינג אינציאטיוו און אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט.

רעזידענשל באקוועמליכקייטן איז כולל א קאמיוניטי צימער מיט א קיך וואס געפונט זיך לעבן דעם הויפט אריינגאנג, אפיס שטח פאר פארוואלטונג און איינוואוינער שטיצע, א סטארעדזש פאר ביציקלען, א וועשעריי, און א שטח צו האלטן די מיסט. אלע דירות קען מען באזוכן און זענען גרייט פאר אינוואלידן מיט

עלטער-פריינטליכע אויסשטעל כאראקטעריסטיקס אזוי ווי אנכאפ-שטאנגען, נידעריגע-גרייך פאליצעס און שענק, שטאנג טיר הענטליך, אונטער שענק ליכט, לייכטע צוגאנג שאוערס. עס איז דא א דערוויסנדיגע געטיילטע שטח מיט די שכנים פון בארטאן אפארטמענטס.

האלטנדיג מיט דער סייטס היסטארישע וויכטיגקייט, האט מען געלאזט אסאך פון דעם בנינס דערוויסנדיגע אויסזען נישט געשטערט. אויסער די נייע פענסטער, האבן די בויערס אריינגעשטעלט ענערגיע שפארעוודיגע און גרינע בילדינג אייגנקייטן וואס איז אויסגעהאלטן מיטביידע ניו יארק סטעיט ענערגיע און אויספארש אנטוויקלונג אויטאריטעט און ענטערפרייז גרין קאמיוטיס 2020 סטאנדארטן. אויסהאלטעוודיגע אייגנקייטן זענען כולל ענערגיע סטאר באצייכנטע געצייג און לעמפל ארמאטורן, נידעריגע VOC פארבן און פארזיגל-מיטלען, גרינע לעיביל סערטיפייד ערד דעקונג און נידעריגע פליס פלאמבינג ארמאטורן.

דער אנטוויקלער און שטיצנדיגע סערוויס פראָווידער איז People Inc.

סטעיט פינאנצירונג פאר די פאולוועל אפארטמענטס צוגעפאסטע איבערגעניצטע פראיעקט רעכנט אריין $5 מיליאן אין פעדעראלע נידעריגע-הכנסה האוזינג טעקס קרעדיטס און $5 מיליאן אין סאָבסידי פון די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי באנייאונג. דערצו, ערווארט דער פראיעקט צו באקומען נאענט צו $4.5 מיליאן אין סטעיט און אין  פעדעראלע היסטארישע רעהאביליטאציע שטייער קרעדיטס. NYSERDA האט צוגעשטעלט $44,000 אין שטיצע דורך דער נידעריגע שטאקן נייע קאנסטרוקציע פראגראם.

די 'פעדעראלע היים הלוואות באנק פון ניו יארק האט צוגעשטעלט מער ווי $401,000,  און די סיטי פון בופאלא האט בייגעשטייערט $850,000 אין קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאק גרענט געלטער פאר די קאסטן פון אנטוויקלונג.

**ניו יארק סטעיט האומס און קאמיוניטי באנייאונג קאמיסיאנער רות-אן וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "די $15 מיליאן פאסיגע איבערניץ פון דעם קימפעט שפיטאל צו 44 היימען פאר עלטערע ניו יארקער ברענגט דעם בנין צוריק צום אנהייב.  פאולוועל דירות וועט ערלויבן איינוואוינער צו ווערן עלטער אויפן ארט זיכערערהייט בכבודיג אין א שטיצנדיגע און אקטיווע סביבה. מיר זענען דאנקבאר פארן שטאט בופאלא, People Inc און אונדזער שוועסטער אגענטורן פאר אינוועסטירן אין דער סטראטעגישן פלאן צו ברענגען דעם היסטארישן פראפערטי צוריק צום ניצבארע לעבן."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע אויספארש און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דארין מ. העריס האט געזאגט,** "NYSERDA האט שטארק הנאה זעענדיג דעם פראיעקט פארענדיגט און אנהייבן אנבאטן טייל פון בופאלאס אומבאשיצטע איינוואוינערס נאך צוגענגליכע האוזינג וואס טוט ארויסהייבן ענערגיע סטאר אפאראטן, הויכע רעזאלוציע שפארעוודיגע ענערגישע אפאראטן, פענסטער און אינסולאציע.  פראיעקטן אזוי ווי פאולוועל אפארמענטס ווייזן אז דער פאסיגן איבער-געניצטע בנינים קענען זיין א הערליכן ארט צו וואוינען, אין דער צייט וואס עס שטיצט אויך גאווערנאר האקול'ס ציל צו אנטוויקלען צוויי מיליאן קלימאט פריינטליכע היימען ביז 2030."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטאריע אפהיטונג קאמישאנער, עריק קאָלעסייד, האט געזאגט,** "די פאולוועל אפארטמענטס פראיעקט ווייזט ווי אזוי היסטארישע אפהיט קען צוריק אויפלעבן סיטיס אזוי ווי בופאלא. דער היסטארישער שטייער קרעדיט פראגראם העלפט צו ציען אינוועסטירונגען אין נישט-אויסגעניצטע געביידעס, פארשפרייטן צוגענגליכע האוזינג, און רעקלאמירן אויסהאלטעוודיגקייט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט קאמישענער דר. דזשעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "זיכערע צוגענגליכע האוזינג איז א סאציאלע קובע פון געזונט.  איך בין זייער דאנקבאר אז גאווערנער האקול האט אזא שטארקע התחייבות צו האוזינג. צושטעלן פינאנצירונג פאר פאולוועל אפארטמענטס איז א ממשותדיגע משל וואס וועט ערלויבן איינוואוינער זיך צו עלטערן אויפן פלאץ זיכערערהייט מיט צוגאנג צו די קאמיוניטי סערוויסעס וואס זיי נייטגן זיך און קריטישע לאקאלע סאציאלע פארבינדונגען."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגטר,** "עס קומט זיך פאר יעדער בופאלא איינוואוינער צו האבן צוגאנג צו זיכערע און אפאָרדעבעל הייזער, און איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיט האט צוגעשטעלט די מיליאנען וועלכע האבן אויסגעפעלט איבער צו מאכן די געוועזענע שפיטאל צו האבן צענדליגע נייע אפאָרדעבעל, צוגענגליכע אפּארטמענטס פאר בופאלאס עלטסטע איינוואוינער," האט סענאטאר שומער געזאגט. "איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו פארמערן צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג איבער דער גאנצער עמפּייער סטעיט, און איך וועל האלטן אין איין קעמפן אהערצושטעלן די פעדעראלע רעסורסן צו לייגן דעם יסוד פאר א לעכטיגערע צוקונפט פאר מערב ניו יארק."

**רעפרעזענטעטיוו ברייען היגינס האט געזאגט,** "קוואליטעט, כולל זיין, און צוגענגליכע האוזינג איז אפט שווער צו האבן אויף איין ארט, ספעציעל פאר עלטערע, און מערב ניו יארק און איבער דעם לאנד, "האט קאנגרעסמען ברייען היגינס געזאגט. "א דאנק די די סטעיט און פעדעראלע פינאנצירונג מאכן מיר וויכטיגע פראגרעס צו אדרעסירן דעם פארמעסט, מיט דעם לעצטן פראיעקט אין הארץ פון בופאלאס עלמוואוד ווילעדזש. דער געוועזענער שפיטאל סייט האט א ספעציעלן ארט אין די הערצער פון מערב ניו יארק פאמיליעס און א דאנק די ארבעט פון People Inc שאפן די פאולוועל אפארטמענטס א נייע געלעגנהייט צו בויען א קאמיוניטי אין דעם ספעציעלן געגנט."

**סטעיט סענאטאר שאון מ. רייען האט געזאגט,** "שטיצן די אנטוויקלונג פון מער צוגענגליכע האוזינג אין נייטיג פארן צוקונפט פון בופאלא און מערב ניו יארק. אזוי ווי מיר ארבעטן צו צולייגן צו אונדזער ראיאנס האוזינג סטוק, צוגעפאסטע איבער-ניץ פראיעקטן אזוי ווי די זענען א וויכטיגן טייל פון אונדזער האוזינג סטראטעגיע.  טראנספארמירן די געוועזענע ווייבער און קינדער שפיטאל קאמפוס וועט זיין א גרויסע שטופ פאר עלמוואוד ווילעדזש און היינט ריכטן מיר אפ א מיילשטיין אין דעם וויכטיגן באמיאונג."

**אסעמבלי מיטגליד זשאן ד. ריווערא האט געזאגט,** "די ניי אויפגעבויעטע פאולוועל אפארטמענטס רעפרעזענטירן א אויפגעהייטערטע צוגאב אינעווייניג בופאלאס היסטארישע עלמוואוד ווילעדזש און צו א געגנט וואס סערווירט פאמיליעס פון אלע גרייסן און עלטער. מיט וויכטיגע ארומגענומענע סערוויסעס און שטארקע באקוועמליכקייטן, וועט די פאולוועל אפארטמענט קאמפלעקס באדינען אן עלטערע באפעלקערונג אין אונדזער שטאט וואס נייטיגט זיך אין כל-ערליי אפציעס פאר צוגענליכע, זעלבשטענדיגע וואוינונג. איך דאנק People Inc און די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון האוזינג און קאמיוניטי באנייאונג פארן אנערקענען דעם תיכפ'דיגן געברויך און פארן האבן די וויזיע און איבערגעגעבנקייט צו מאכן אונדזערע קאמיוניטיס שטארק און צוגענגליך."

**אירי קאונטי עקזעקוטיוו מארק סי. פאלאנקארז האט געזאגט,**  "פארבעסערן דעם צוגאנג צו צוגענגליכע האוזינג איז א פריאריטעט איבערן קאונטי און איז א זאך וואס איך האב פאקוסירט מיין אכט ווי מיר רוקן זיך פאראויס מיט א צוגאנג מיטצוארבעטן צו פארברייטערן און פארבעסערן האוזינג אפציעס דא אויפן ארט. עס קומט זיך יעדן איינעם צו האבן א זיכערן און צוגענליכן ארט ווי צו וואוינען. עס איז דורך סטראטעגישע פלאנירונג אז מיר האבן שטארק פאראינטערעסירטע פון איבער דער גאנצער סטעיט וואס ארבעטן צוזאמען אנצוקומען צו א בשותפותדיגן ציל פון אנטוויקלען פראיעקטן אזוי ווי די. איך דאנק אלע אונדזערע שותפים אין דער רעגירונג פאר זייערע באמיאונגען מיטן איבערבייטן און איבער-אנטוויקלען פון

דעם געביידע און קען זיך קוים ערווארטן אויף ווייטערדיגע מעלדונגען וועגן דעם אנגייענדיגע רענעסאנס פון דער היסטארישע שטיקל פראפערטי."

**סיטי פון בופאלא מייאר בייראן וו. בראוין האט געזאגט,** "זינט 2006, האב איך סטראטעגיש צוגעזאגט מיליאנען דאלארן פאר צוגענגליכע האוזינג פראיעקטן דורכאויס דער סיטי. יענע אינוועסטירונג האט אויסגענוצט $695 מיליאן אין אנטוויקלונג, שאפנדיג טויזנטער נייע האוזינג דירות. מיר בויען אויף יענע פראגרעס מיטן פארענדיגן פון די פאולוועל דירות. איך וויל באדאנקען גאווערנער קעטי האקול און האומס און קאמיונטי באנייאונג פאר זייער שותפות אין מיין צוטריטליכע האוזינג מיסיע פאר אונדזער געוואלדיגע שטאט . מיר האבן א לאנג-אנגייענדיגע באמיאונג מיט People Inc. צוזאמען האבן מיר זיך משתתף געווען אויף צוגענגליכע האוזינג איניציעטיוועו אזוי ווי די דזשעפערסון דירות, לינוואד לאפאיעט מענאר סעניור דירות, און מט. אליוו מענאר. איך האב די פריווילעגיע ווייטער אנצוגיין מיט אונזער קאלאבאראציע און זען ווי נאך אן אנדערע צוגענגליכע האוזינג איניציאטיוו בליעט."

**קאונסילמיטגליד דעיוויד ריווערא האט געזאגט,** "איך בין אזוי צופרידן צו זען מער צוגענגליכע האוזינג; ספעציעל אין א געגנט אזוי שטארק ווי עלמוואד ווילעדזש."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן